בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת דְּבָרִים

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
845-243-0563

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
845-379-1161

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווען וועט שוין מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ קוּמֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ שְׁאֵלוֹת צוּ פְרֶעגְן, אָבֶער מֶער פוּן אַלֶעם הָאבּ אִיךְ אֵיין גְרוֹיסֶע שְׁאֵלָה; וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועלְן מִיר זִיךְ מוּטְשֶׁען אִין דֶעם בִּיטֶערְן שְׁוֶוערְן רוּחְנִיּוּת'דִיגְן גָלוּת? ווען קוּמְט שׁוֹין מָשִׁיחַ אוּן עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין וּמָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה'?

עֶס וֶוערְט שְׁוֶוערֶער אוּן שְׁוֶוערֶער צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דִי דוֹרוֹת פַּאלְן מִיט אַזַא שְׁנֶעלֶע טֶעמְפָּא, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן וִוי פְלִיגְן, נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט רֶבִּי יוֹחָנָן גֶעזָאגְט: "יֵיתֵי וְלָא אַחְמִינֵיה", עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיטְהַאלְטְן דִי בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ ווייל עֶר הָאט גֶעווּיסְט ווי שְׁלֶעכְט דֶער דוֹר וֶועט דֶעמָאלְט אוֹיסְזֶען.

מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, פַארְוָואס זָאל מֶען אָבֶער נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי וֶועלְט אַז אִידְן זָאלְן אַיינְרַייסְן אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט מֶען שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעס.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וֶוער רֶעדְט נִישְׁט פוּן בִּיאַת מָשִׁיחַ? אַלֶעס וָואס מִיר רֶעדְן אוּן מִיר טוּעֶן אִיז נָאר כְּדֵאי מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן גָלוּת.**

**אַז דוּ ווִילְסְט טוּן עֶפֶּעס פַאר בִּיאַת מָשִׁיחַ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת וֶועסְטוּ מְקָרֵב זַיין דִי גְאוּלָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג):

"אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (חוֹדֶשׁ תַּמּוּז אָב - מַאֲמָרֵי חָדְשֵׁי תַּמּוּז אָב, מַאֲמָר ב): "סַךְ כָּל הַשָּׁעוֹת מִן הכ"ב יָמִים הֵם תקכ"ח", דִי שָׁעוֹת פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן אִיז סַךְ הַכֹּל פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג, "עַל כֵּן יֵשׁ בַּמִּשְׁנָיוֹת תקכ"ח פְּרָקִים מִנְיַן מַפְתֵּ"חַ", דֶערְפַאר אִיז דָא אִין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג פְּרָקִים, "כְּמִנְיַן מַפְתֵּחַ הַגְּאֻלָּה", וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל מִיר זָאלְן דוּרְכְדֶעם אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת, וָואס דָאס אִיז קֶעגְן דִי פִינְף הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה פוּן דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָשׁ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין הַגָּלֻיּוֹת מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת הַמִּשְׁנָיוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר אִינֶעם זְכוּת פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, "וּכְשֶׁמְּדַבְּרִין וְשׁוֹנִין בְּמוֹ פִּינוּ הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אֲזַי נִפְתַּח הַסָּתוּם", אוּן וֶוען מֶען חַזֶר'ט מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט גֶעעֶפְנְט דִי פַארְמַאכְטְקֵייט פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (הוֹשֵׁעַ ח, י): "'גַּם כִּי יִתְנוּ בַגּוֹיִם עַתָּה אֲקַבְּצֵם', לָשׁוֹן מַתְנִיתִין", 'יִתְנוּ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מִשְׁנַיוֹת, אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אִין גָלוּת, "עַתָּה אֲקַבְּצֵם", וֶועט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְלֵייזְן; זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לִימוּד מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ הָאבְן אַ חֵלֶק אִין בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ יֶעדְן טָאג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; הֵייבּ אָן שׁוֹין לֶעבְּן מִיט דֶעם לִימוּד וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶעם לִימוּד פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִילָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן ב): "עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה", מָשִׁיחַ'ס גֶעוֶוער וֶועט זַיין תְּפִילָה, "וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכִּבּישׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ - הַכֹּל מִשָּׁם", אַלֶע מִלְחָמוֹת אוּן אַלֶעס וָואס עֶר וֶועט אַיינְנֶעמֶען וֶועט זַיין נָאר דוּרְךְ תְּפִילָה; מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי וֶועלְט יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים. מֶען וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר דַארְף, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'"; אוּן יֶעדֶער וֶועט זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָהוּ נב, ח): "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן".

אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס מִיר רֶעדְן אִיז פוּן דִי לִימוּדִים וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): "צְוִוישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁט דָא קַיין חִילוּק, נָאר אֵיין חִילוּק אִיז דָא, בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה אוּן יֶעצְט אִיז נָאךְ דָא דִי בְּחִירָה"; דָאס טוּט שׁוֹין דֶער רֶבִּי יֶעצְט מִיט אוּנְז, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אוּן אוּנְז אַזַא גֶעטְלִיכְקֵייט אוּן אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אַז מִיר שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז אוּן נֶעבְּן אוּנְז. אוּן אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן הֵייבְּט עֶר אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, עֶר גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן הֵייבְּט אָן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט דָאס דֶערְצֵיילְט פַּאר אַ גוּטֶער חָבֵר, - אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ. בַּיי אִים וֶוערְט מְקוּיָם דָאס וָואס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא כו, יב): "וְהִתְהַלַּכְתִּי בְּתוֹכְכֶם, וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹהִים וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי לְעָם", זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: "אֲטַייֵל עִמָּכֶם בְּגַן עֵדֶן כְּאַחַד מִכֶּם וְלֹא תִּהְיוּ מִזְדַעְזְעִים מִמֶּנִּי", מֶען שְׁפַּאצִירְט כַּבְיָכוֹל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט צוּ אִים שְׁפַּאצִירְנְדִיג, אַה! מַמֶּשׁ גַן עֵדֶן אַלֵיינְס!

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין זִיסֶערֶע זַאךְ וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים; עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶס אִיז מְלֹא כָּל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ אוּן עֶר רֶעדְט מִיט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ פָּנִים אֶל פָּנִים. וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים לְעוֹלָם הַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין טַאטֶע מַאכְט זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעוָואלְט זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַּאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס גֶעבְּן מִיר מַמָּשׁ לֶעבְּן, וּבִפְרַט דִי שִׁיעוּרִים פוּן זוּמֶער אִין קֶעמְפּ, וָואס זֶענֶען גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ וַוארְט אַ גַאנְץ יָאר דֶערוֹיף. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

מַיין טַאטֶע מִיט מַיינֶע בְּרִידֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַסַאךְ כּוֹחוֹת אוּן גֶעלְט אַז דֶער שַׁבָּת זָאל זַיין שֵׁיין אוּן גֶעלוּנְגֶען, אַז יֶעדֶער זָאל זַיין זֵייעֶר צוּפְרִידְן, לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער אוֹיסְגֶעלָאזְט זֵייעֶר נִישְׁט גוּט. מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נֶערְוֶועז דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת, יֶעדֶע מִינוּט הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן קִינְד, אוּן וִויפִיל אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער בַּיים טִישׁ, הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין שְׁרֵייעֶן אוּן מַאכְן אָנְגֶעצוֹיגְן דִי לוּפְט.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַלֶעמָאל אִיז עֶר גֶערֶעכְט מִיט זַיינֶע טַעְנוֹת אוּן וָואס אִיךְ טוּ אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גוּט, אַזוֹי אִיז אַלְץ דִי שַׁבָּתִים אוֹיךְ בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, אַלְץ אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן נֶערְוֶועז.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז צִי אִיךְ דַארְף נָאךְ גֵיין צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּתִים, אַז מַיין וַוייבּ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן צוּזֶען
~~~~~~~~~~~

זיינע שבת טיש מיט כעס און נערוועז. ער פארלאנגט אז מיר מוזן קומען יעדע פאר וואכן, וואס דארפן מיר צו טון?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל אוֹיף אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וֶוער עֶס הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת און הִתְחַזְּקוּת וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען און דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין טַאטֶע וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע מִצְוָה מְקַיֵים צוּ זַיין, אָבֶּער וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר אִין דִי מִצְוָה אִיז זוֹכֶה אַז זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אִים צוּ מְכַבֵּד זַיין און אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט; אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ אוֹיךְ פִירְן מִיט חוּצְפָּה.

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה (סֵפֶר בֶּן יְהוֹיָדָע עַל מַסֶכְתָּא בָּבָא מְצִיעָא דַף לג): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר וָואס הָאט גֶעהַאט אַן אַלְטְ'ן טַאטֶע'ן אַן אָרִימַאן, דֶער גְבִיר הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין טַאטֶע, עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ און עֶר הָאט גֶעדַארְפְט שְׁלָאפְן אִין גַאס מִיט אַנְדֶערֶע אָרִימֶעלַייט; וַיְהִי הַיּוֹם עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן ווִינְטֶער, זֵייעֶר אַ קַאלְטֶע טָאג, וֶוען דֶער אַלְטֶער טַאטֶע אִיז גֶעזִיצְן אִין גַאס פְרִירְנְדִיג פַאר קֶעלְט, אִיז דָארְט אַרִיבֶּער זַיין אֵיינִיקְל - אַ זוּן פוּן דֶעם גְבִיר, הָאט דֶער זֵיידֶע גֶעבֶּעטְן זַיין אֵיינִיקְל: "אִיךְ בֶּעט דִיר, גֵיי בֶּעט דַיין טַאטֶע זָאל אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת הָאבְּן און מִיר שִׁיקְן אַ וַוארֶעמֶע מַלְבּוּשׁ אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר קֶעלְט דָא אִין גַאס, דֶער אֵיינִיקְל אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען און גֶעבֶּעטְן: "טַאטֶע, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיידֶי; זֵיידֶי בֶּעט אַ וַוארֶעמֶע קְלֵייד", הָאט דֶער גְבִיר גֶעזָאגְט צוּ זַיין זוּן: "גֵיי אַרוֹיף אוֹיבְן אִין בּוֹידֶעם, דָארְט הָאבּ אִיךְ אַן אַלְטֶע קְלֵייד וָואס אִיךְ דַארְף סַיי ווִי נִישְׁט, דָאס קֶענְסְטוּ טְרָאגְן פַארְ'ן זֵיידֶע'ן"; דֶער זוּן אִיז אַרוֹיף אִין בּוֹידֶעם און גֶעטְרָאפְן אַן אַלְטֶע קְלֵייד פוּל מִיט רִיסְן און גְרוֹיסֶע לֶעכֶער. עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ שֶׁערְל, אַיינְגֶעקְנֵייטְשְׁט דֶעם קְלֵייד און דָאס צֶעשְׁנִיטְן אִין הַאלְבּ. וֶוען זַיין טַאטֶע - דֶער גְבִיר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער זוּן קוּמְט נָאךְ נִישְׁט אַרָאפּ,

הָאט עֶר אַרוֹיף גֶעשְׁרִיגְן צוּם בּוֹידֶעם: "וָואס טוּסְטוּ אַזוֹי לַאנְג אִין בּוֹידֶעם? גֵיי שׁוֹין מִיט דֶעם קְלֵייד צוּ מַיין טַאטֶע!" דֶער זוּן הָאט זִיךְ אָבֶער וַוייטֶער פַארְזוֹימְט, עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט שְׁנַיידְן דֶעם קְלֵייד אוֹיף צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן אַרָאפּ גֶעקוּמֶען צוּ זַיין טַאטֶע מִיט אֵיין שְׁטִיקְל קְלֵייד, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס הָאסְטוּ צֶעשְׁנִיטְן דֶעם קְלֵייד אוֹיף צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין טַאטֶע: "אֵיין שְׁטִיקְל לֵייג אִיךְ אַוֶועק פַאר דִיר, וֶוען דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן אַלְטֶער מֶענְטְשׁ וֶועל אִיךְ דִיר אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען ווִינְטֶער אוּן דוּ וֶועסְט זַיין קַאלְט וֶועל אִיךְ דִיר שִׁיקְן דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם קְלֵייד, ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵין תַּנְחוּמָא לֶךְ לְךָ, ט): 'מַעֲשֶׂה אָבוֹת - סִימָן לְבָנִים', ווִי אַזוֹי דִי פִירְסְט זִיךְ מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועל אִיךְ זִיךְ פִירְן מִיט דִיר"; הָאט דֶער טַאטֶע זִיךְ גֶעכַאפְּט בַּיים קָאפּ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט אַהֵיים גֶערוּפְן זַיין אַלְטְן טַאטֶע'ן, עֶר הָאט אִים אַרַיין גֶענוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן דִי מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי עֶר בְּרֶענְגְט דָאס, מֶער בַּאֲרִיכוּת.

נָאכ'ן לֵיינֶען דִי מַעֲשֶׂה וֶועסְטוּ שׁוֹין ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דַיין טַאטֶע; אֲפִילוּ דַיין טַאטֶע שְׁרֵייט אוּן הַאלְט דִיר פָאר וְכוּ' וְכוּ' וֶועסְטוּ אִים וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין אוּן וַוייזְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער ווִי אַזוֹי אַ אִיד פִירְט זִיךְ מִיט אַ טַאטֶע. דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ, וֶועל אִיךְ דִיר מַדְרִיךְ זַיין אוֹיפְן זִיסְן וֶועג וָואס מוֹהַרַא"שׁ הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְז; דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, אַ לֶעבְּן פוּן גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**פְרֵיי זִיךְ כָאטְשׁ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ לָאז דִיר אַזוֹי לַאנְג וַוארְטְן אוּן אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נִישְׁט קַיין בְּרִיוו; אִיךְ בִּין פָּשׁוּט זֵייעֶר פַארְנוּמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט 'מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד' מִן הַסְּתָם אִיז דָא מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ".

דוּ בִּיסְט אָנְגֶעפוּלְט מִיט אַזוֹיפִיל גוּטְס, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי חֶסְרוֹנוֹת?! אוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְטוּנְקֶלְט דִיר דַיינֶע אוֹיגְן דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם גוּטְס אִין דִיר, פְרֵיי זִיךְ מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט אַ אִיד.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן מִלוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר פְּרִי צַדִיק אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה (חַג הַשָּׁבוּעוֹת, אוֹת יג) אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל, אֵיין טָאג הָאט עֶר פַארְפֶעלְט צוּ זָאגְן דִי בְּרָכָה: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט הַיינְט דִי בְּרָכָה! וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אִיךְ הָאבּ

נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קַיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶה וּמְחַזֵּק זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אַ אִיד בִּין אִיךְ דָאךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי', אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי', מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶ' גֶעוֶוען".

נֶעכְטְן הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נַייעֶ מַסֶּכְתָּא - "מַסֶּכֶת תְּמוּרָה"; אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מִיט כַאפְּן. הֵייבּ אָן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא, מִיט נָאךְ טוֹיזְנְט תֵּירוּצִים וָואס דוּ הָאסְט - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); הֵייבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא וֶועסְטוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, וַוייל דִי תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ. אַז מֶען לֶערְנְט וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים; אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים יט, ט): "פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב", אַז מֶען לֶערְנְט וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

דִי וַוארֶעמְקֵייט פוּן דִי מַאמֶע בַּאגְלֵייט דִי קִינְדֶער זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

ווארִיל אִיז אַייךְ אַז אִיר גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אִיר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע מִיט זֵיי יֶעדֶע נַאכְט, אִיר זִינְגְט קְרִיאַת שְׁמַע מִיט אַ נִיגוּן עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין זַייעֶרֶע הֶערְצֶער מִיט אַ זִיסְקֵייט.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּב מְחַנֵךְ צוּ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער, פּוּנְקְט וִוי אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן 'תִּיקּוּן חֲצוֹת'"; רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר וַוייל עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט מְחַנֵךְ זַיין; עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט מְחַנֵךְ זַיין צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת, אָבֶּער דָאס אִיז אִים גֶעוֶוען פּוּנְקְט אַזוֹי חָשׁוּב וִוי דִי עֲבוֹדָה פוּן חֲצוֹת.

אוֹיף אֵייעֶר פְרַאגֶע פוּן קוֹל בְּאִשָּׁה, אִיר פְרֶעגְט צִי אִיר זָאלְט זִינְגֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִין בַּאנְגֶעלָאוֹ אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט זִינְגֶען וַוייל מֶען קֶען אַרוֹיס הֶערְן; בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ קֶענְט אִיר זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אִיר דַארְפְט נִישְׁט חוֹשֵׁשׁ זַיין אוֹיף קוֹל בְּאִשָּׁה
~~~~~~~~~~

אוֹיב מֶען קֶען אַרוֹיסְהֶערְן, חוּץ אוֹיב עֶס אִיז דָא גֶעסְט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ דֶעמָאלְט זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זִינְגֶען אוֹיפְן קוֹל, אָבֶער וֶוען אִיר זֶענְט אַלֵיינְס אִין שְׁטוּבּ מִיט אֵייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער זָאלְט אִיר וַוייטֶער זִינְגֶען פַאר אֵייעֶרע קִינְדֶער קְרִיאַת שְׁמַע אוּן נָאךְ נִיגוּנִים.

דוּרְכְאוֹיס אַלֶע דוֹרוֹת הָאבְּן זִיךְ דִי אִידִישֶׁע מַאמֶעס גֶעפִירְט צוּ אַיינְוִויגְן דִי קִינְדֶער מִיט שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע נִיגוּנִים, נִיגוּנִים וָואס אַ קִינְד הֶערְט פוּן דִי מַאמֶע הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע כֹּחַ אוֹיפְ׳ן קִינְד אַז דָאס בַּאגְלֵייט זֵיי אַ גַאנְץ לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוֹיף רֶבִּי חֲנִינָא (חוּלִין כד:) אַז בַּיי דִי אַכְצִיג יָאר הָאט עֶר נָאךְ גֶעהַאט כֹּחַ צוּ שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין פוּס אוּן אָנְטוּן דִי שִׁיךְ אוּן אוֹיסְטוּן דִי שִׁיךְ פוּן דִי אַנְדֶערֶע פוּס, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "חַמִּין וְשֶׁמֶן שֶׁסָּכַתְנִי אִמִּי בְּיַלְדוּתִי הֵן עָמְדוּ לִי בְּעֵת זִקְנוּתִי", דִי וַוארֶעמֶע וַואסֶער אוּן דִי אוֹיל וָואס מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעשְׁמִירְט אוּן גֶעוַואשְׁן אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן דָאס הֶעלְפְט מִיר אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן; זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר (דִּבְרֵי תּוֹרָה חֵלֶק ט, סִימָן נג) אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט בְּפַשְׁטוּת וַוארֶעמֶע וַואסֶער מִיט אוֹיל, נָאר דָאס מֵיינְט מֶען דִי וַוארֶעמְקֵייט פוּן זַיין מַאמֶע, אוּן דִי אוֹיל - דָאס אִיז דִי חָכְמָה פוּן זַיין מַאמֶע - דָאס הָאט אִים גֶעהָאלְפְן; אַז אַ מַאמֶע לֵייגְט אַרַיין וַוארֶעמְקֵייט אִין מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים הֶעלְפְט דָאס מֶען זָאל אַ גַאנְץ לֶעבְּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְקוּמֶען פַאר אַ בַּאזוּךְ אִין קֶעמְפּ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יִיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְקוּמֶען פַאר אַ בַּאזוּךְ אִין קֶעמְפּ; אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צֶען גַאנְצֶע וָואכְן וָואס מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט זֶען.

דַיין חָבֵר, הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז גֶעוֶוען דֶעם שַׁבָּת אִין קֶעמְפּ, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּיז אַמֶערִיקֶע צוּ זַיין פַאר "אֵיין שַׁבָּת" צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. עֶר זָאגְט אַז עֶר דַארְף דָאס הָאבְּן פַאר "לוּפְט", אַקְסִידְזְשֶען; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּ דַארְפְסְט
~~~~~~~~~~~

קוּמֶען פוּן בְּרוּקְלִין צוּ קֶעמְפּ, אַ וָועג פוּן צְוֵויי אוּן אַהאלְבּ שָׁעָה זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶע מָאל וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דַיינֶע סִיוּמִים אִין מִשְׁנַיוֹת אוּן אִין מַסֶכְתּוֹת פוּן שַׁ״ס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּענְקְט זֵייעֶר נָאךְ דִיר.

...

~~~~~~~~~~~

**דֶער מַאן דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַּאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳; זִי זֶעט נִישְׁט אוֹיס פְרֵיילִיךְ, אִיר פָּנִים אִיז אַיינְגֶעפַאלְן אוּן צֶעבְּרָאכְן, אִיז יֶעצְט דַיין מִצְוָה אִיר צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין לד:): ״אִשָּׁה - בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ״; דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דִי וַוייבּ.

אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): ״אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְכוּ כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ״, רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דַיין שְׁטָאט: ״זַייט׳ס מְכַבֵּד אֵייעֶרֶע וַוייבֶּער וֶועט אִיר וֶוערְן רַייךְ״.

נֶעם אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער גוּט אוּן פַּאזֶעטִיו, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסֶע דָא, אִיךְ ווִיל נָאר אַז אִיר זָאלְט לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אַזוֹי ווִי נָאךְ עֶנְקֶער חֲתוּנָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ נָאכְצוּמַאכְן דִי הַנְהָגָה פוּן רֶבִּי׳ן: ״זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנְ׳עֶן״; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע׳עַקְשְׁנְ׳ט, עֶר אִיז גֶעוֶוען בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וד״ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וואוֹילֶע וַוייבּ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין שְׁוָואגֶער, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז עֶר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן.

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ דִיר אָפְּגֶעזָאגְט צוּ לֶערְנֶען "חָתָן שִׁיעוּרִים" מִיט דַיין שְׁוָואגֶער; אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין חָתָן מַדְרִיךְ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט פַאר דֶעם. דָאס וָואס אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים טוּ אִיךְ אַלֶעס, אִיךְ בִּין זֵיי מַדְרִיךְ חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אוּן אוֹיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אָפּ מִיט זֵיי וִוי מִיט אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, אָבֶּער סְתַּם חַתָנִים הָאבּ אִיךְ נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט דֶערְצוּ.

בְּנוֹגֵעַ דַיין וַוייבְ׳ס אַרְבֶּעט וְכוּ׳; אַז זִי וִויל אָפְּלָאזְן אִיר אַרְבֶּעט ווייל זִי וִויל נִישְׁט זַיין אוֹיף סָאוֹשֶׁעל מִידְיֶע. דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וואוֹילֶע וַוייבּ וָואס וִויל לֶעבְּן בִּקְדוּשָׁה וּבְטַהֲרָה, זִי וִויל נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט דִי כְּלֵי שׁוֹפְכִין; זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט הֵייסְן בְּלַייבְּן מִיט אִיר אַרְבֶּעט צוּלִיבּ דִי גֶעלְט.

זַיי מַקְפִּיד צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׂפְּרַאךְ אִידִישׁ, וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים וְנִפְלָאוֹת.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

## נִישְׁט הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט לֵצִים.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ טוּסְט, וּבִפְרַט אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי גֶעטְרֵיי צוּ דַיין אֵשֶׁת חַיִל; דוּ הֶעלְפְסְט אִיר אוּן דוּ זָארְגְסְט פַאר אִיר. דוּ הָאסְט אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין דִיר וָואס מוֹהַרְא״שׁ זָאגְט: "אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, אוֹיבּ הָאט מֶען אַ חַבֵר אִיז עֶס דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ".
~~~~~~~~~~~

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת לֵיצָנוּת, סִימָן א): "הַמִּתְלוֹצֵץ", דֶער וָואס מַאכְט לֵיצָנוּת, "מְזוֹנוֹתָיו מִתְמַעֲטִין", הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה; אִין זְכוּת וָואס דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג פוּן לֵצִים זָאלְסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע אוּן נִישְׁט הָאבְּן חוֹבוֹת.

עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט אַרַיין קוּקְן אִין סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת לֵיצָנוּת זֶען דִי סַכָּנָה וָואס הֶערְשְׁט אוֹיף דִי וָואס הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט לֵצִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע הִיטְן פוּן זֵיי.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~~

**זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוֹיף שׁוֹין אַ טִיקֶעט צוּ קֶענֶען זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן; לְכַתְּחִילָה זָאלְסְטוּ אַרוֹיס פָּארְן מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, ווייל אַרוֹיס פָּארְן דָאנֶערְשְׁטָאג אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט - מֶען קֶען בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן אִין קִיֶעוו.

קוּק נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם מְנִיעוֹת וְעִכּוּבִים; פָּאלְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן דְרֵיידְלֶעךְ, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען דַארְפְן מִיר קוּמֶען אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם לְפִי בְּחִינָתוֹ. גְלֵייבּ מִיר, פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם אִיז דָאס שְׁוֶוער, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיינֶער וָואס קוּמְט קַיין אוּמַאן אָן קַיין שְׁוֶועריקֵייטְן, אָבֶּער אַז מֶען הֶערְט פוּן רֶבִּי'ן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט קֶען מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ
~~~~~~~~~~~

מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר".

בְּנוֹגֵעַ וואוּ דִי זָאלְסְט דַאוֶונֶען אִין אוּמַאן וְכוּ'; דָאס אִיז תָּלוּי אִין דִיר, עֶס אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶּה וואוּ מֶען דַאוֶונְט, דֶער עִיקָר אִיז קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

בַּיי אוּנְז אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין בֶּעטְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן אַ פְּלַאץ בַּיים דַאוֶונֶען פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט הַבָּחוּר ... ווִי פְּרִיעֶר.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**לֶערְן דִיךְ דְרֵייוְון אַ בָּאס.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי דִי יְשִׁיבָה; סֵיי מִיטְ'ן טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער יֶעדְן טָאג פוּן מֵיידְל קֶעמְפּ צוּ בָּחוּרִים קֶעמְפּ אוּן סֵיי מִיטְ'ן בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער פוּן שְׁטֶעטְל אוּן זֵיי אַהֵיים נֶעמֶען.

יֶעצְט ווִיל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ לֶערְנֶען דְרֵייוְון אַ בָּאס כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דְרֵייוְון אִין שְׁטָאט נָאךְ דִי זוּמֶער דִי קִינְדֶער; אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ צוּם תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן בֵּית פֵּיגָא.

דוּ וֶועְרְסְט אִין וֵוייניגֶער ווִי אַ חוֹדֶשׁ אַכְצְן יָאר; פוּן דִי אַכְצְן יָאר קֶען מֶען שׁוֹין עַל פִּי דִי גֶעזֶעץ פִירְן אַ בָּאס מִיט קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ שׁוֹין יֶעצְט לֶערְנֶען אוּן חַזֶרְ'ן אַלֶע גֶעזֶעצְן אַז גְלַייךְ וֶוען דוּ וֶועְרְסְט אַכְצְן יָאר זָאלְסְטוּ קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען לֵייסֶענְס.

דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ; גֶעב אַ קוּק צוּרִיק ווִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן דִי יְשִׁיבָה הָאבְּן שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, אֲפִילוּ עֶס זֶענֶען דָא וָואס שְׁפֶּעטְן אוּן זָאגְן: "עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר אַ בָּחוּר צוּ דְרֵייוְון אַ בָּאס", אַנְדֶערֶע זָאגְן: "עֶס וֶועט שָׁאטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ" -
~~~~~~~~~~

קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם אַלֶעם, פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט נָאר צוּאַיילְן אוּן בֶּעסֶער מַאכְן דַיין שִׁידוּךְ.

אִיךְ וָואלְט דִיר נִישְׁט גֶעהֵייסְן זָאלְסְט גֵיין דְרֵייוְון טְרָאקְס אוּן בָּאסֶעס צוּ מַאכְן גֶעלְט; דָאס אִיז נִישְׁט כְּדַאי כָּל זְמַן דוּ קֶענְסְט זִיצְן אִין יְשִׁיבָה אוּן לֶערְנֶען, אָבֶער דְרֵייוְון פַאר דִי יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט אַן אַרְבֶּעט, דָאס אִיז בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה, בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַ מָקוֹם פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה, סַיי מִיט רֵיינִיגְן דִי יְשִׁיבָה אוּן סַיי מִיטְ'ן דְרֵייוְון דִי קִינְדֶער וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אַלֵיינְס דֶעם בּוּךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דַיין חַבֵר הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר מַאכְט אוֹיךְ יֶעצְט ס׳׳י ד׳׳י עֶ׳׳ל [CDL] אוּן עֶר וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

מִיר דַארְפְן יֶעצְט אַפָּאר פְרִישֶׁע דְרַייוֶוערְס וַוייל דִי אַלְטֶע דְרֵייוֶוערְס הָאבְן חֲתוּנָה בְּקָרוֹב.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~

**קוּק מִיט אַ גוּט אוֹיג אוֹיף דַיין קִינְד.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער חַבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אַ גְרִיס פוּן דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; זֵיי זֶענֶען טַייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זֶענֶען הֵיילִיג אוּן רֵיין.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל וֶועגְן דַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, בַּיי מִיר אִיז עֶר בַּאלִיבְּט מֶער וִוי אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים, אָבֶער אִיר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים גוּט, עֶר זָאגְט מִיר כְּסֵדֶר וִוי עֶס טוּט אִים וֵויי אַז אִיר "מֵיינְט" עֶר אִיז נִישְׁט גוּט, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז עֶר זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר.

בְּנוֹגֵעַ זַיין רֵייכֶערְן וְכוּ׳; זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים רֵייכֶערְן, אוּן אַז מֶען וִויל זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֶערְן רֵייכֶערְן אִיז דִי וֶועג צוּ מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם זֵיי פָּארְהַאלְטְן
~~~~~~~~~~

דֶערוּיף. דָא רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן יוּנְגֶע קִינְדֶער וָואס פָאלְגְן וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי עֶפֶּעס, דָא רֶעדְט מֶען פוּן בָּחוּרִים וָואס דַארְפְן אַלֵיינְס מַחְלִיט זַיין צוּ גֵיין אוֹיף דִי גוּטֶע וֶועג.

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר מַאךְ דִיר צוּ דִי אוֹיגְן, דַארְפְסְט נִישְׁט זֶען יֶעדֶע זַאךְ; קוּק אוֹיף זַיינֶע מַעֲלוֹת, עֶר דַאוְונְט יֶעדְן טָאג שַׁחְרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, עֶר גֵייט יֶעצְט מְסַיֵּים זַיין דִי ... מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, עֶר רֶעדְט נִישְׁט נִיבּוּל פֶּה וִוי רוֹב חֲסִידִי'שֶׁע בָּחוּרִים רֶעדְן לֵיידֶער, עֶר אִיז עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט אַ גֶעפִּיל צוּ אִידִישְׁקֵייט אוּן עֶר וִויל דִיר אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ מַאכְן. עֶר קוּמְט אַסַאךְ מָאל צוּ מִיר וֵויינֶען אַז עֶר שְׁפִּירְט וִוי זַיין טַאטֶע הָאט צַעַר פוּן אִים, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר זוּכְט וִוי וֵוייניגֶער אַהֵיים צוּ גֵיין, וַוייל עֶר וִויל נִישְׁט מַאכְן צַעַר...

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ מִישׁ זִיךְ אַריין אִין פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר אַז לְתוֹעֶלֶת הָעִנְיָן נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דַיין בָּחוּר צוּ לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ זֶע זַיין הַארְץ, זַיינֶע מִידוֹת אוּן זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן צוּלִיב אַפָּאר זַייטִיגֶע דְבָרִים נִטְפָּלִים וָואס עֶר וֶועט נָאךְ אוֹיסְוַואקְסְן אִם יִרְצֶה ה׳ לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן אַזוֹיפִיל גוּטְס.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט נֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער אוֹיף אַ פַּאזִיטִיוֶוע וֶועג.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי אַלֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְּן דִי מוֹסְדוֹת, הָאבְּן זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

ווָאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן טוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים, דָאס וֶועט דִיר בַּאגְלֵייטְן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

צְווִישְׁן דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה בִּיסְטוּ אַן אוֹיסְנַאם; דַיין צוּגֶעלָאזְנְקֵייט צוּ אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים אִיז עֶפֶּעס אוֹיסְנַאם, דוּ בַּאנֶעמְסְט זִיךְ צוּ אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים מִיט אַ גוּטֶע בַּאנֶעמוּנְג, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מַאכְן לֵייסֶענְס צוּ דְרֵייוְון אַ בָּאס, אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן בֵּית פֵיגָא. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, אָבֶער בִּיז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה, ווִילַאנְג דוּ בִּיסְט אִין יְשִׁיבָה זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן.
~~~~~~~~~~~

גֶעבּ אַ קוּק וִוי דִי אַלֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן דִי יְשִׁיבָה, דִי חֵדֶר, דִי מֵיידְל סְקוּל; בִּפְרַט דִי וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן מִיט טְרֶענְסְפָּארְטֶעישְׁן - הָאבְּן אַזוֹי שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן הָאבְּן הַיינְט צוּטָאגְס כָּל טוּב, אֵייגֶענֶע הַייזֶער אוּן בִּיזְנֶעסֶער.

לָאז מִיר וִויסְן אוֹיבּ דוּ נֶעמְסְט אָן מַיין בַּקָשָׁה.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~~

## אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיטְ'ן בִּנְיָן אִין אוּמַאן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט פוּן אֵיינֶעם וָואס וָואלְט מִיר גֶעבָּארְגְט גֶעלְט פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט - לָאז מִיר וִויסְן. אִיךְ מוּז יֶעצְט בָּארְגְן גֶעלְט פַארְ'ן בִּנְיַן אִין אוּמַאן אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה זָאלְן קֶענֶען זַיין מְסוּדָר מִיט דִי מִינֶעמַאלֶע גֶעבְּרוֹיכְן.

שְׁטַארְק זִיךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר! נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## דִי וַוייבּ אִיז נִישְׁט קַיין מַשְׁגִיחַ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז אַז אִיר זָאלְט אָפְּוָוארְטְן אֵייעֶר מַאן מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל אוּן גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִים וְכוּ'; זָארְגְטְס נִישְׁט אוֹיף זַיין דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, נָאר זָארְגְטְס פַאר זַיין בַּאקְוֶועמְלִיכְקַייט אִין לֶעבְּן.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז עֶס בַּאדֶערְט זֵייעֶר פַאר אַ מַאן וֶוען דִי פְרוֹי שְׁטֵייט אִיבֶּער אִים וִוי אַ מַשְׁגִיחַ אִין יְשִׁיבָה קְטַנָה שְׁטֵייט אוֹיף דִי בָּחוּרִים מִיט טוֹיזְנְט שְׁאֵלוֹת: "וואו

גֵייסְטוּ?" "וואוּ קוּמְסְטוּ?" "וָואס טוּסְטוּ?" "וואוּ הָאסְטוּ גֶעדַאוְונְט?" "בִּיסְט גֶעוֶוען אִין מִקְוֶה?" א.א.וו. דָאס הֶעלְפְט נִישְׁט אַז דֶער מַאן זָאל זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן - עֶר זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלֶעךְ אוּן אָנְהֵייבְּן גֵיין אִין מִקְוֶה, דָאס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער.

דֶערִיבֶּער אַז אִיר פְרֶעגְט מִיר, אִיר ווִילְט ווִיסְן וָואס אִיז אֵייעֶר פְלִיכְט אַלְס וַוייבּ, וָואס ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן אַייךְ; זָאלְט אִיר דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אוֹיפְהֶערְן נָאכְקוּקְן אֵייעֶר מַאן וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אוּן אוֹיבּ עֶר גֵייט אִין מִקְוֶה וְכוּ' וְכוּ', נָאר אִיר זָאלְט אִים אָפְּוַוארְטְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל, מִיט גֶעשְׁמַאקֶע מָאלְצַייטְן אוּן זַיין גְרֵייט פַאר אִים. אַז אִיר וֶועט אַזוֹי טוּן וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן: "אִשָּׁה כְּשֵׁרָה הָעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ", אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): "אֵין לְךָ כְּשֵׁרָה בַּנָּשִׁים אֶלָּא אִשָּׁה שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ".

עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ בַּיי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ צוּ וֶוערְן פַארְלוֹירְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶוען זֵיי זֶענֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זֶען זֵייעֶר טַאטֶע אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס לוֹיפְן אִין מִקְוֶה וְכוּ' וְכוּ' אוּן יֶעצְט זֶעעֶן זֵיי ווִי דֶער מַאן שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט וְכוּ', מֶען דַארְף אָבֶּער ווִיסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט צוּגְלַייכְן אֵיינֶער צוּם צְווֵייטְן; סַיי מֶען קֶען נִישְׁט אוּן סַיי עֶס אִיז נִישְׁט שֵׂכֶל'דִיג צוּ פַארְלַאנְגֶען פוּנֶעם מַאן צוּ טוּן וָואס דֶער טַאטֶע טוּט.

אִיךְ קֶען זֵייעֶר גוּט אֵייעֶר מַאן; עֶר אִיז אַ טַייעֶרֶער יוּנְגֶערְמַאן, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר אִין יְשִׁיבָה אוּן עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. זָאלְט אִיר קוּקְן אוֹיף אִים מִיט גוּטֶע אוֹיגְן אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט וֶוערְט מֶען נָאךְ נִישְׁט אוֹיס גוּט, דָאס אִיז אַ נַאטוּר וָואס מֶען אַרְבֶּעט אוֹיס מִיט דִי צַייט.

אַז אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת; דִי אַלֶע שֵׁיינֶע שְׁטוּבֶּער וָואס אִיר זֶעט קוּמְט דֶער קְרֶעדִיט פַאר דִי קְלוּגֶע פְרוֹיעֶן, דִי אִידִישֶׁע הֶעלְדְן וָואס הָאבְּן אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן נִישְׁט צוּ צֶעבְּרֶעכְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַנְדֶערְשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען. פַאר זֵיי וַוארְט אָפּ אִין הִימְל אַ שְׂכַר וָואס מֶען קֶען נִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

זַייטְס גֶעזוּנְט, אַ גֶעזוּנְטְן זוּמֶער.

...

~~~~~~~~~~~

**וֶוען מֶען פַארְזוּכְט דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם רַאֲיוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן
~~~~~~~~~~~

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט, בְּעֶפָּאר מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) זֶעט אוֹיס דָאס זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אוּן גְּמָרָא פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ ווִי אַ ׳קִינְדֶער שְׁפִּיל׳, אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם ווֶעג ווֶערְט מַמָּשׁ בִּיטוּל הַבְּחִירָה; מֶען ווֶערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי תּוֹרָה, מֶען בַּאקוּמְט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס): "ווֶער עֶס הָאט טוֹעֵם גֶעווֶען פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע ווַיין דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַז ווִי נָאר מֶען הֵייבְּט אָן טוֹעֵם זַיין פוּן דֶעם סֵדֶר אִין לֶערְנֶען; מֶען הֵייבְּט אָן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בְּלִמּוּד גְּמָרָא, מֶען הֵייבְּט אָן גוֹרֵס זַיין בְּלֶעטֶער גְּמָרָא - דֶעם מֶענְטְשׁ קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן נָאכְדֶעם ווָאס עֶר הָאט שׁוֹין פַארְזִיכְט פוּנֶעם יַיִן הַמְשׁוּמָּר, אַזַא מֶענְטְשׁ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קֵיין רְאָיוֹת אוּן הוֹכָחוֹת צִי דָאס הֵייסְט יָא גֶעלֶערְנְט אָדֶער נִישְׁט; צִי עֶס אִיז יָא דֶעם רֶבִּינְ׳ס ווֶעג אָדֶער נִישְׁט, דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְטֶערֶעסִירְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט, עֶר ווִיל לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

אוֹיף דַיין שְׁאֵלָה צִי מֶען קֶען מַאכְן אַ סִיוּם אִין דִי נַיין טֶעג אוּן עֶסְן פְלֵייש אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, מֶען הָאט גוֹרֵס גֶעווֶען גְּמָרָא אוּן פַארְשְׁטַאנֶען נָאר פוּפְצִיג פְּרָאצֶענְט; אַוַדַאי הֵייסְט דָאס אַ סִיוּם אוּן אַוַדַאי הֵייסְט דָאס גֶעלֶערְנְט, אָבֶּער עֶסְן פְלֵייש אִין דִי נַיין טֶעג אִיז נִישְׁט כְּדַאי, אֲפִילוּ ווֶען מֶען אִיז מְסַיֵּים אַ מַסֶּכְתָּא אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט דָאס הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "כְּדַאי הוּא בֵּית אֱלֹקֵינוּ נִישְׁט צוּ עֶסְן קֵיין פְלֵייש אָיְן דִי נַיין טֶעג"; אָבֶּער מֶען קֶען דָאס נוּצְן פַאר אַ סִיוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין פוּן אוּנְזֶער גָּלוּת בִּכְלָלִיּוֹת, וּבִפְרָטִיּוֹת - יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת אוּן מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג. דֶעמָאלְט ווֶעט זַיין: "כְּאִילוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ", אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לג.): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה כְּאִילוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו"; אָמֵן.

...

~~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~~

**פְרֶעג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיב דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַרוֹיסְצִיעֶן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין הֶערְלִיכֶע בְּרִיוו.**

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' יֶעדֶעס מָאל דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר; דוּ בִּיסְט מַמָּשׁ אַ בּוֹר סִיד שֶׁאֵינוֹ מְאַבֵּד טִיפָּה, יֶעדֶעס וָוארְט, יֶעדֶעס חִיזוּק וָואס דוּ הֶערְסְט שְׁרַייבְּסְטוּ אַרָאפּ אַזוֹי שֵׁיין; מִי יִתֵּן אַז אֵיינֶער זָאל קוּמֶען אוּן דָאס שֵׁיין צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן אַרוֹיס גֶעבְּן וֶועלְן נָאךְ מֶענְטְשְׁן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין.

בְּנוֹגֵעַ אַרוֹיס קוּמֶען וואוּינֶען אִינֶעם בְּרֶסְלֶב'ן שְׁטֶעטְל וְכוּ'; דָאס אִיז תָּלוּי אִין דִיר אוּן אִין דַיין וַוייבּ, וְוִי אַזוֹי אִיר וֶועט מַחְלִיט זַיין וֶועט זַיין גוּט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסט): "מַה צְּרִיכִין לְהִתְבַּלְבֵּל? אֵיךְ שֶׁעוֹשִׂין עוֹשִׂין וּבִלְבַד שֶׁלֹּא לַעֲשׂוֹת רַע חַס וְשָׁלוֹם", מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן גָארְנִישְׁט, "וְוִי מֶען טוּט טוּט מֶען, אַבִּי מֶען טוּט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס חַס וְשָׁלוֹם"; אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם פוּן דִי תַּלְמִידִים צִי מֶען זָאל זִיךְ אַרוֹיסְצִיעֶן אִינֶעם שְׁטֶעטְל.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ פַאר עֶנְק אוֹיבּ אִיר ווִילְט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן; יָא צוּ קוּמֶען וואוּינֶען דָא אָדֶער בְּלַייבְּן וואוּ אִיר וואוֹינְט, - אַז אִיר זָאלְט דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג בִּיז אִיר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה מִן הַשָּׁמַיִם. מַאךְ זִיךְ אַ תְּפִלָּה פַאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ אוּן בֶּעט דָאס יֶעדְן טָאג: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל ווִיסְן וואוּ זָאל אִיךְ וואוּינֶען, זָאל אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְצוּעֶן קַיין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אָדֶער בְּלַייבְּן וואוּ אִיךְ וואוֹין"**; שְׁמוּעֶס אוֹיס אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת אוּן מַעֲלוֹת פוּן דִי פְּלַאץ וואוּ דוּ וואוֹינְסְט יֶעצְט אוּן אַלֶע מַעֲלוֹת אוּן חֶסְרוֹנוֹת פוּן זִיךְ אַהִין צִיעֶן, דוּרְכְדֶעם וֶועט דִיר קְלָאר וֶוערְן אוּן קְלָאר וֶוערְן פַאר דַיין וַוייבּ וָואס אִיר זָאלְט טוּן, אוּן אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן.

דָאס טוּ אִיךְ וֶוען אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ גֵיי אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אוּן אִיךְ וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, יָא צִי נֵיין?"** בִּיז עֶס וֶוערְט מִיר קְלָאר וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן. אַזוֹי טוּ אִיךְ - נִישְׁט אֵיין מָאל אוּן נִישְׁט צְוֵויי מָאל נָאר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל.

אֵיין זַאךְ זָאג אִיךְ דִיר יָא קְלָאר, אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים - וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן בְּלָאטֶע אוּן אָפְּגֶעוַואשְׁן - לֵיצָנוּת אוֹיף מִיר וְכוּ', אוֹיף דֶעם לֹא יֹאבֶה ה' סְלֹחַ לוֹ; נִישְׁט אַלְץ מִיר אוֹיס, וַוייל מִיר גֵייט נִישְׁט אָן וָואס דוּ זָאגְסְט

אוֹיף מִיר; מֶה אָנִי וּמֶה חַיַי, אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט און אִיךְ דַארְף אַסַאךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף מַיינֶע חַטָאִים, עֲווֹנוֹת וּפְשָׁעִים; אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז תָּלוּי אִין דִי דִיבּוּרִים וָואס זֵיי הֶערְן פוּן רֶבִּי'ן, אַז דוּ וֶועסְט חוֹזֵק מַאכְן פוּן מִיר דִירֶעקְט אָדֶער בַּעֲקִיפִין און פוּן דִי זַאכְן וָואס מִיר טוּעֶן - אוֹיף דֶעם וֶועסְטוּ בַּאצָאלְן זֵייעֶר אַ טַייעֶרֶע פְּרַייז.

זַיי גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק.

...

~~~~~~~~~~~

**אִין אֵייעֶר שְׁטוּבּ דַארְף מֶען הִיטְן שַׁבָּת און זִיךְ פִירְן בִּצְנִיעוּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אַז זִי הִיט נִישְׁט קַיין שַׁבָּת, זִי רֵייכֶערְט אוּם שַׁבָּת און זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט קֶען זִי נִישְׁט זַיין בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, סַיידְן זִי נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער זִיךְ צוּ פִירְן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה - לְכָל הַפָּחוֹת וֶוען זִי קוּמְט צוּ אַייךְ.

וֶוען עֶס אִיז אַן אֵייגְן קִינְד הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ אִיז אֵיין זַאךְ, דֶעמָאלְט קֶען מֶען נִישְׁט פַארְשִׁיקְן דֶעם קִינְד פוּן שְׁטוּבּ - זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען פְרֶעגְן פּוּנְקְטְלִיךְ דַעַת תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, אָבֶּער אַז עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן אֵייעֶר בְּרוּדֶער'ס וַוייבּ וָואס אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן אֵייעֶר בְּרוּדֶער וְכוּ' און אִיר ווִילְט פָּשׁוּט הֶעלְפְן אֵייעֶר מַאמֶע תִּחְיֶ' מִיט דִי אֵיינִיקְלֶעךְ - דַארְפְט אִיר קוֹדֶם אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף אֵייעֶר שְׁטוּבּ.

דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן אַייךְ פָאר אַז אִיר דַארְפְט זִיךְ אַרַיין לֵייגְן און עֶפֶּעס טוּן וְכוּ'; אֵיין זַאךְ קֶענְט אִיר טוּן: זַייטְס מְחַזֵק אֵייעֶר מַאמֶע, הֶערְט אוֹיס אִירֶע וֵוייטָאגְן און רֶעדְטְס מִיט אִיר טְרֵייסְט וֶוערְטֶער. דֶערְצֵיילְט אִיר שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן אֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דָאס וֶועט אִיר בְּרֶענְגֶען נַחַת.

אִיר זָאלְט וַוייטֶער שְׁטֵיין אִין דֶער זַייט און זִיךְ גָארְנִישְׁט מִישְׁן אִין דֶעם עִנְיָן; אִיר זָאלְט זֵיי מְחַזֵק זַיין אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן וְכוּ' און אַז זִי וֶועט פַארְשְׁטֵיין צוּ קוּמֶען צוּ אַייךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אָנְגֶעטוּן און הִיטְן שַׁבָּת דֶעמָאלְט קֶענְט אִיר זֵיי אַרַיין נֶעמֶען צוּלִיבּ דִי קִינְדֶער.
~~~~~~~~~~~

מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען פּוֹעֶל'ן זַאכְן וָואס אִיז שֶׁלֹּא עַל פִּי שֵׂכֶל, תְּפִילָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן שְׁטַארְק. אוֹיבּ מֶען עַקֶשְׁנְ'ט זִיךְ מִיט תְּפִילָה, מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים זֶעט מֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וָואס וֶועט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

~~~~~~~~~~

**אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עַל שֵׁם רַבֵּינוּ דַארְף זַיין שֵׁיין אוּן פְּרֶעכְטִיג.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ וִויל יֶעצְט אִיבֶּער פֶּעינְטְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אוֹיךְ וִויל אִיךְ אִיבֶּערְמַאכְן דִי פְלָאר.

אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט רֶעדְן צוּ ... נֵרוֹ יָאִיר אִים הֶעלְפְן אָנְוַוייזְן דִי רִיכְטִיגֶע קָאלִירְן אַז עֶס זָאל זַיין אַ פְּרַאכְט פוּן אַ שׁוּל; ווַייל ווִי עֶס זֶעט אוֹיס וֶועט אִם יִרְצֶה ה' דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר - תש"פ - הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה פָּארְקוּמֶען נָאךְ עֶטְלִיכֶע חֲתוּנוֹת פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מְמֵילָא ווִיל אִיךְ עֶס זָאל זַיין שֵׁיין אוּן לִיכְטִיג, עֶס זָאל זַיין אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם.

בִּכְלַל אִיז ווִיכְטִיג אַז עֶס זָאל זַיין שֵׁיין דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; אִין אַלֶע גֶעגֶענְטֶער וואוּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עַל שֵׁם רַבֵּינוּ אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג עֶס זָאל זַיין שֵׁיין מְסוּדָר, לִיכְטִיג אוּן פְּרֶעכְטִיג.

אוֹיךְ אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אַרִיבֶּערְגֵיין אִין מֵיידְל קֶעמְפּ כַאפְּן אַ בְּלִיק אִינֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דָארְט וואוּ מִיר הָאבְּן דֶעם כּוֹלֵל, אוּן רֶעדְן צוּ ... אוּן צוּ ... ווִי אַזוֹי זֵיי זָאלְן מַאכְן דִי לֶעקְטֶער פַאר'ן הֵיכַל בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

...

~~~~~~~~~~

**זִיךְ פִירְן בִּצְנִיעוּת אִין שְׁטֶעטְל.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר'ן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי מִיט יֶעדֶע פְּרָט אוּן פְּרָט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): "גְּדוֹלָה שִׁמּוּשָׁהּ יוֹתֵר מִלִּמּוּדָהּ", מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ רֶבִּי אִיז גְרֶעסֶער פוּן לֶערְנֶען פוּן אַ רֶבִּי; דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז עֶס אִיז דִיר אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען אַזַא זְכִיָּ', צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן מִיטְ'ן אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת וואוּ מֶען לֶערְנְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ פִירְסְט דַיין שְׁטוּבּ אֵיידְל עַל פִּי דֶרֶךְ הַתּוֹרָה; יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל זָאלְסְטוּ זֶען וַוייטֶער צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, נִישְׁט נָאכְצוּלָאזְן פוּן דִי צְנִיעוּת.

זָאג פַאר דַיין וַוייבּ תְּחְיֶ' זִי זָאל נִישְׁט גֵיין אִין גַאס מִיט לַאנְגֶע קְלֵיידֶער וְכוּ'; זִי דַארְף נִישְׁט אוֹיפְקֶערְן דִי גַאסְן אִין שְׁטֶעטְל. אִין שְׁטוּבּ אִיז אֵיין זַאךְ אוּן אִין גַאס אִיז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ; אִין גַאס זָאל זִי גֵיין מִיט גֶעהֶערִיגֶע קְלֵיידֶער וְכוּ'.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶען זָאל זֶען וִוי אַזוֹי אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ שְׁטוּבּ זֶעט אוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**עֶלְטֶערְן הָאבְּן שׁוֹין לַאנְג פַארְגֶעסְן וָואס אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל גֵייעֶן אַרִיבֶּער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

... תְּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַיֶּ' וּמְחַזֵּק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; דָאס דֶערְהַאלְט אַייךְ אִין לֶעבְּן נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין דִי צְוֵויי אִין פֶּערְצִיגְסְטֶע מָאל תְּהִלִּים; זַייטְס מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צח) אַז תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁטֶעקְן אוֹיף וָואס אַ שְׁוַואכֶע מֶענְטְשׁ לֵיינְט זִיךְ אָן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט תְּהִלִּים בַּאקוּמְט עֶר אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָּחוֹן זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים יח, יט): "וַיְהִי
~~~~~~~~~~~

ה׳ לְמִשְׁעָן לִי״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פַאר מִיר אַ אָנְלַאנֶער, אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ אוֹיף אִים, אִיךְ לִיג אוֹיף אִים.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר שִׁידוּךְ וְכוּ׳, אִיר ווִילְט וויסְן צִי אִיר דַארְפְט עֶפֶּעס טוּן וֶוען אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט יָאגְן, זֵיי טַעֲנֶה׳ן אַז נָאר שְׁוַואכֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען שְׁנֶעל חֲתוּנָה מַאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיר ווִילְט וויסְן וָואס צוּ טוּן; עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן, ווַייל עֶלְטֶערְן הָאבְּן שׁוֹין לַאנְג פַארְגֶעסְן וָואס אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל גֵייעֶן אַרִיבֶּער טָאג נָאךְ טָאג; ווִי שְׁטַארְק זֵיי ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז צוּ זַיין אַלֵיין; מִמֵילָא אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ וָואס צוּ טוּן, אִיר זָאלְט ווַייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ. בֶּעטְס פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, וֶועט אַייךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן.

שְׁרַייבְּטְס מִיר וֶוען עֶס וֶועט זַיין נָאכְאַמָאל אַ צוּזַאמְקוּם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן נָאךְ אַ בְּרִיוו.

...

~~~~~~~~~~~

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְט׳ן אִיד.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת מַטוֹת-מַסְעֵי, כ״ו תַּמוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵין קִצּוּר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ו): ״הָעִקָּר מַה שֶׁקּוֹרִין ׳זִיךְ דֶערְהַאלְטְן׳״; דָאס חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶעט מֶען וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה.

דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער יֶעצְט וְכוּ׳ דָאס דַארְף דִיר שְׁטַארְקְן, ווַייל דָאס ווַייזְט אַז מֶען הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ אוֹיבְן אִין הִימְל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקנה): ״דוּ ווַייסְט וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְט׳ן אִיד״; אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ - אִים הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

וַוארְט אוֹיס אוֹיף דִי יְשׁוּעָה וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן; עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין אוּן עֶס וֶועט זַיין גוּט, ״קֵץ שָׂם לַחֹשֶׁךְ (אִיוֹב כח, ג)״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַן עֶנְדֶע פַאר אַלֶע פִינְסְטֶערְנִישְׁן.
~~~~~~~~~~~

נָאךְ אַבִּיסְל פָּארְן מִיר שׁוֹין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן צוּ זַיין בַּיי דֶעם קִיבּוּץ הַקָדוֹשׁ רֹאשׁ הַשָׁנָה; דָארְט וֶועט מֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת. גֵיי אַ טֶענְצְל: "אוּמַאן אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָׁנָה, אוּמַאן אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָׁנָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## פַארְשְׁטֵיין דִי וַוייבּ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיט אַ וַוייבּ קְרִיגְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אוּן מֶען טַעְנֶה'ט זִיךְ נִישְׁט. נֶעם דֶעם כְּלַל וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז פַּארְגֶעלֵייגְט אִין לֶעבְּן: "אַ וַוייבּ אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעכְט"; מֶען דַארְף אִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן דֶעם גֶעפִיל אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט אִיר אוּן אַז זִי אִיז גֶערֶעכְט, דֶעמָאלְט קֶען מֶען אַרִיבֶּער גֵיין דִי וֶועלְט בְּשָׁלוֹם, וְוִידֶער מִיט טַעְנֶה'רַייעֶן, וִויכּוּחִים וְכַדוֹמֶה - קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן.

דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט מִיט דֶעם וָואס דוּ קְרִיגְסְט זִיךְ אוּן דוּ בִּיסְט אַזַא עַקְשָׁן וְכוּ'; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט:): "אִיתְּתָךְ גּוּצָא, גְּחִין וְתִלְחוֹשׁ לָהּ", אֲפִילוּ דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ וָואס אִיז קְלֵיין וְכוּ', בֵּייג זִיךְ אַרָאפּ צוּ אִיר אוּן הֶער וָואס זִי זָאגְט דִיר; דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

אַנְשְׁטָאט זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט פְּרוּבִּיר אוֹיס דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵייל אִים וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִין לֶעבְּן; שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט אוּן בַּאהַאלְט גָארְנִישְׁט פוּן אִים, רֶעד צוּ אִים וֶועט דִיר גְרִינְגֶער וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## וָואס אִיז "שִׁיטַת בְּרֶסְלֶב?"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען דאַרְף זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנ׳עֶן דַוְקָא פַאר אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר בָּחוּר; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיב דֶער בָּחוּר אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן אַ בַּעַל מִידוֹת טוֹבוֹת, אַז דֶער מַאן אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן אַ בַּעַל מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן דִי וַוייבּ אִיז אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶ אִיז מְמֵילָא דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶ שְׁטוּבּ.

בְּנוֹגֵעַ דָאס וָואס מֶען טְרָאגְט אַייךְ אָן אַ בָּחוּר מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת אָבֶּער מֶען זָאגְט אַייךְ אַז דֶער בָּחוּר אִיז מַמָּשׁ פֵייעֶר אַנְטְקֶעגְן בְּרֶסְלֶב, אוּן אִיר ווִילְט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן ווייל אַייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז דֶער רֶבִּי; אִיךְ בִּין בָּרוּר כַּשֶּׁמֶשׁ אַז דֶער בָּחוּר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, מִן הַסְתָּם אִיז עֶר נִישְׁט קַיין חָסִיד פוּן דִי אַלֶע וָואס מַאכְן אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶב, ווייל אוֹיף בְּרֶסְלֶב אַלֵיינְס קְרִיגְט קֵיינֶער נִישְׁט. הַכֹּל מוֹדִים אַז מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, הַכֹּל מוֹדִים אַז מֶען דַארְף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַכֹּל מוֹדִים אַז מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן הַכֹּל מוֹדִים מֶען דַארְף קוּקְן גוּט אוּן דַן זַיין לְכַף זְכוּת יֶעדְן אֵיינֶעם; אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי אַלֶע זַאכְן אִין אַ קַאלְקֶעלֶעיטֶער קוּמְט אוֹיס דֶער סַךְ הַכֹּל: "שִׁיטַת בְּרֶסְלֶב".

גֵייטְס זִיךְ טְרֶעפְן מִיט׳ן בָּחוּר, רֶעדְטְס מִיט אִים אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל - וֶועט אִיר זֶען צִי עֶס אִיז פַאר אַייךְ. אִיר מֶעגְט אִים זָאגְן אַז אַייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעבִּיטְן זַייט אִיר נֶעמְט אַייעֶר שֵׂכֶל אוּן הַדְרָכָה פוּן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ בְּקָרוֹב אַ מַזָּל טוֹב.

...

~~~~~~~~~~~

**זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן בְּרֶענְגְט אַ שְׁמִירָה אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הִיט דֵיינֶע אוֹיגְן וֶועט דִיר נִישְׁט שָׁאטְן קַיין עַיִן הָרָע; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כ.): "עַיִן שֶׁלֹּא רָצְתָה לָזוּן מִמַּה שֶּׁאֵינוֹ שֶׁלּוֹ - אֵין עַיִן הָרָע שׁוֹלֶטֶת בּוֹ", יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זִיךְ גֶעהִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אֵשֶׁת פּוֹטִיפַר, דֶערְפַאר הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה אַז פַאר אִים אוּן זַיינֶע דוֹרוֹת הַבָּאִים שַׁאדְט נִישְׁט קַיין עַיִן הָרָע; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.
~~~~~~~~~~~

איך בעט דיר מיין טייערער תַּלְמִיד, פַארְמַאך אַלע וועגן ווי אַזוֹי דוּ קענְסְט אָנְקוּמֶען צוּ קוּקְן עֲבֵירוֹת; וועם פָּאפְּסְטוּ? ! וועם נַארְסְטוּ? ! דוּ נַארְסְט דָאך זִיך אַלֵיינְס. דוּ מֵיינְסְט אַז דוּ נַארְסְט דַיין וַוייבּ וְכוּ'; דוּ אַלֵיינְס ווערְסְט דָאך פַארְשְׁוַוארְצְט, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיך דַארְפְן מוּטְשֶׁען מִיט שְׁוֶועריקֵייטְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן? דוּ קענְסְט דָאך הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

פָּאלְג מִיר, הֶער אוֹיס דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר גֶעטוּן נָאר טוֹבוֹת אִין לֶעבְּן אָן קַיין שׁוּם בַּאצָאלִינְג; אִיך הָאבּ גֶעלִיטְן פַאר דִיר אַזוֹיפִיל בִּזְיוֹנוֹת, דִי יְשִׁיבָה הַאלְט זִיך אוֹיף אַזוֹיפִיל שְׁוֶועריקֵייטְן; אִיך טוּ דָאס נָאר דִיר צוּ הֶעלְפְן. בֶּעט אִיך דִיר, פַארְמַאך דַיינֶע אַקַאוּנְטְס וואוּ דוּ קוּקְסְט עֲבֵירוֹת; יֶעדֶע קוּק אוֹיף אַ פְרֶעמְדֶע פְרוֹי בְּרֶענְגְט פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן.

אִיך בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר עֶס זָאל שׁוֹין אַרַיין גֵיין אִין דִיר אַ פְּרִישֶׁע חַיּוּת, אַ הֵיילִיגְקֵייט אַז דוּ זָאלְסְט מְקַיֵּים זַיין דֶעם (דְּבָרִים יג, ו): "וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ"; זָאלְסְט אַלֵיינְס אַוֶועק וַוארְפְן דִי אַלֶע כֵּלִים וָואס מֶען קֶען אוֹיף דֶעם זֶען עֲבֵירוֹת.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ זִיך מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, דָאס וועט אוֹיסְרֵייניגְן דַיין מֹחַ פוּן דֶעם עָבַר וָואס דוּ הָאסְט שׁוֹין צוּזַאמְגֶעזֶען אִין לֶעבְּן. אוֹיך זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען גְמָרָא, בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי; מִיר הָאבְּן הַיינְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען מַסֶּכֶת חַלָּה פוּן תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי מָארְגְן הֵייבְּן מִיר אָן מַסֶּכֶת עָרְלָה, ווִי גְלִיקְלִיך זֶענֶען מִיר אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְעוֹדֵד אוּן מְחַזֵּק מִיר זָאלְן אַרַיין כַאפְּן תּוֹרָה יֶעדְן טָאג. וַוייל נָאר דָאס וועט פוּן אוּנְז אִיבֶּער בְּלַייבְּן.

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם יוֹם הַדִּין - רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דַן דִי גַאנְצֶע וועלְט: "וְכָל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנֶיךָ כִּבְנֵי מָרוֹן, כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ, מַעֲבִיר צֹאנוֹ תַּחַת שִׁבְטוֹ, כֵּן תַּעֲבִיר וְתִסְפֹּר וְתִמְנֶה וְתִפְקֹד נֶפֶשׁ כָּל חָי, וְתַחְתֹּךְ קִצְבָה לְכָל בְּרִיּוֹתֶיךָ, וְתִכְתֹּב אֶת גְּזַר דִּינָם" - אִיך הָאף דִיר צוּ זֶען בַּיים קִיבּוּץ הַקָּדוֹשׁ אִין אוּמַאן.

אִיך שִׁיק דִיר בִּילְדֶער וואוּ מֶען זֶעט דֶעם דַאך אִין אוּמַאן, גֶעבּ אַ קוּק ווִי שֵׁיין מֶען הָאט פַארְמַאכְט דֶעם דַאך עֶס זָאל נִישְׁט אַרַיין רֶעגֶענֶען, אוֹיך גֶעבּ אַ קוּק אוֹיפְן בִּילְד פוּן דִי וַואסֶער בַּאסֵיינֶען.

אוֹיבּ דוּ ווֵייסְט ווער עֶס וָואלְט מִיר גֶעקֶענְט הֶעלְפְן בָּארְגְן גֶעלְט פַאר אַ הַאלְבֶּע יָאר - זָאלְסְטוּ מִיר מוֹדִיעַ זַיין. אִיך מוּז שִׁיקְן גֶעלְט קַיין אוּמַאן עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אַז אַלֶע זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְֿן בִּיז אַהֶער וֶועט מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְֿן אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרַיין פַאלְן אִין קַיין חוֹבוֹת, אִיךְ זָאל קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט אִם יִרְצֶה ה' זַיין אַ פְּרוּיעֶן שִׁיעוּר אִין קֶעמְפּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְֿן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**זִיךְ הַאלְטְן בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף אֵייבִּיג.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיס קוּמֶען אִין קֶעמְפּ אוֹיף אַ שַׁבָּת, אוֹיף אַ שִׁיעוּר, אָדֶער אֲפִילוּ סְתַּם זִיךְ בַּאגְרִיסְן וְכוּ'; זֶעט אוֹיס אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן בְּלַייבּ מְקוּשָּׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ פִירְן מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קא) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ תַּלְמִיד פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן וִויטֶעפְּסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה הָאבְּן אִים אַיינְגֶערֶעדְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ, עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶע'דְמִיוֹנ'ט אַז עֶר פָּארְט מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ'; אִינְמִיטְן וֶועג צוּ גֵיין צוּם יְרִיד רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: "אִיךְ וִויל גֵיין צוּ מַיין רֶבִּי'ן, הרה"ק ר' מֶענְדֶעלֶע זי"ע", הָאבְּן אִים זַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס - וָואס זֶענֶען בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען מַלְאָכִים אָפְּגֶערֶעדְט דֶערְפוּן, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "מֶען וֶועט נָאךְ גֵיין שְׁפֶּעטֶער וְכוּ'", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן דִי מַלְאָכִים הָאבְּן אִים אָפְּגֶערֶעדְט, בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט גֵייט עֶר זֵיי שׁוֹין נִישְׁט פָאלְגְן נָאר עֶר גֵייט גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן. וִויפִיל זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס לוֹינְט נִישְׁט פַאר דִי גֶעשֶׁעפְטְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס אוּן גֶעזָאגְט: "עֶס גֵייט מִיךְ גָארְנִישְׁט אָן, זָאל אִיךְ פַארְלִירְן מַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אִיךְ פָאר צוּ מַיין רֶבִּי'ן!" אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁלָאגְן מִיט זֵיי, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "אִיר זֶענְט מַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס אוּן אִיר דַארְפְט מִיר פָאלְגְן", יֶעצְט הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת: "וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דוּ בִּיסְט אַ מֵת, אַ נִפְטָר - אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ,
~~~~~~~~~~

עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ גֵיין, דוּ גֵייסְט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ דוּ קוּמְסְט מִיט אוּנְז", הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן: "אִיךְ ווִיל גֵיין צוּ מַיין רֶבִּי'ן!" הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "מַה-דָאךְ פְּרִיעֶר וָואס מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס הָאבְּן מִיר דִיר נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין, יֶעצְט וָואס דוּ וֵוייסְט שׁוֹין דֶעם אֱמֶת אַז דוּ בִּיסְט טוֹיט אוּן מִיר זֶענֶען מַלְאֲכֵי חַבָּלָה דַארְפְן מִיר דִיר זִיכֶער נִישְׁט פָּאלְגְן", אַזוֹי אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹלוֹת אַהֶער אוּן אַהִין בִּיז דֶער בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס דִי קוֹלוֹת זֶענֶען, הָאט מֶען זֵיי גֶעזָאגְט וָואס עֶס גֵייט פַּאר, הָאט דֶער בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה גֶע'פַּסְקֶ'נְט אַז זֵיי מוּזְן אִים לָאזְן גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן, וִויבַּאלְד עֶר פְלֶעגְט כְּסֵדֶר גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זי"ע הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן.

הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק דָא אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט אַ צַדִיק, וֶועט אִים דֶער צַדִיק מְתַקֵן זַיין.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן מוֹצָאֵי שִׂמְחַת תּוֹרָה, אִיז עֶר אִסְרוּ חַג בַּיינַאכְט אַהֵיים גֶעפָארְן. אָבֶּער גְלַייךְ נָאכְדֶעם, אִין חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס מִיט מִיר גֵייט פָּאר, נִישְׁט וַוייט פוּן דָא, אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב - זִיצְט אַ רֶבִּי וָואס קֶען מִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן מַיין טוּנְקֶלְקֵייט אוּן פוּן מַיין מְרִירוּת, פַארְוָואס פָאר אִיךְ נִישְׁט צוּ אִים?' עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין בְּרֶסְלֶב מִיטְ'ן חֶשְׁבּוֹן אַז עֶר וֶועט נָאךְ קֶענֶען אַהֵיים קוּמֶען פַארְנַאכְטְס בֶּעפָאר זַיין טַאטֶע שְׁטֵייט אוֹיף פוּן זַיין נָאכְמִיטָאג שְׁלָאף, אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט ווִיסְן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן. לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ זַיין פְּלַאן נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט וַוייל עֶס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ גָאס רֶעגְן אוּן דִי פֶערְד זֶענֶען גֶעפָארְן זֵייעֶר שְׁטַייט אוּן עֶר אִיז הֶערְשְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן בַּיינַאכְט נָאךְ מַעֲרִיב. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט בְּזֶה הַלָשׁוֹן: "אַז עֶס אִיז גָאר שְׁלֶעכְט, צִיט מֶען זִיךְ צוּם אֱמֶת; וואוּ אִיז דֶער אֱמֶת?" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קיב) אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן דִי טוּנְקֶלְקֵייט וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ (עַיֵין בְּסֵפֶר פְּעוּלַת הַצַדִיק, סִימָן תמ).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~~

**אָנְגֵיין מִיטְ'ן הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת מַטוֹת-מַסְעֵי, כ"ח תַּמוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**
~~~~~~~~~~~~

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס אַז עֶס שְׁטֶערְט פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז דוּ דְרֵייסְט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב; וָואס קֶען מֶען טוּן? דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי שְׁוֶועריִקַייטְן וָואס אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד דַארְף אַרִיבֶּער גֵיין בִּתְחִלַּת הִתְקָרְבוּתוֹ. פוּן אֵיין זַייט וִויל מֶען מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן טוּן זֵייעֶר רָצוֹן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וִויל מֶען דָאךְ לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן; אַן אֱמֶת'עֶר לֶעבְּן, אַ נִצְחִיּוּת'דִיגֶער לֶעבְּן, אוּן דָאס שְׁטֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פַאר עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט אַסַאךְ לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף בְּרֶסְלֶב. אוּן אַמָאל וֶוערְט אַזַא פַייעֶר אִין דִי מִשְׁפָּחָה, מֶען וֶוערְט צוּקְרִיגְט מִיט דֶעם בְּרֶסְלֶב'ן קִינְד - בִּיז עֶס קוּמְט מַמָּשׁ צוּ שְׁפִיכַת דָמִים.

וָואס קֶען מֶען טוּן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן כָּל דָּבָר אָסוּר? וָואס זָאלְן מִיר טוּן אַז דֶער רֶבִּי אִיז פַארְשֶׁעמְט? אַזוֹי דַארְף זַיין, עֶס מוּז זַיין מְנִיעוֹת מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז, מְזֻבּוּב וְעַכְבִּישׁ) אַז פַאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט הָאט דֶער ס"מ גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ שִׁיקְסְט אַרָאפּ דִי נְשָׁמָה, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן עֶר זָאל זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן; אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּן בִּיז דֶערְוַוייל הָאט מֶען זִיךְ שׁוֹין גֶעגְרֵייט אַרָאפּ צוּ שִׁיקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט עֶר אָן מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקְ'ן וָואס אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעבּוֹיגְן, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעלַאכְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה, דִי נְשָׁמָה קֶען אַרָאפּ גֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט"; דָאס אִיז דֶער עֵצָה, אַז דֶער רֶבִּי אִיז אָפְּגֶעלַאכְט אוּן אָפְּגֶעשֶׁפֶּעט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

דוּ גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן; וֶוען דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֶען ווִי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ וֶועלְן זֵיי דִיר אָפְּלָאזְן.

דֶער גְרֶעסְטֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן ווִי דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווּאוֹיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווּאוֹיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה. וֶוען אֵיינֶער פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ זָאגְן דִי

מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וְוִיבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִּירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ". אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזָא אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**וֶוען דַארְף מֶען זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי שְׁאֵלָה אִיז וֶוער עֶס אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת דָארְט, אוּנְטֶער וֶועם אַרְבֶּעטְסְטוּ? אוֹיבּ אִיז דֶער טַאטֶע דֶער בַּעַל הַבַּיִת אוּן דֶער זוּן זוּכְט נָאר ווָאוּ עֶר קֶען אַריין שְׁטֶעקְן זַיין נָאז כְּאִילוּ עֶר אִיז דֶער גַאנְצֶער קְנַאקֶער, דֶעמָאלְט דַארְף דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס עֶר זָאגְט דִיר. אָבֶּער אַז דֶער זוּן אִיז דֶער אַחֲרָאִי דָארְט אוּן עֶר זָאגְט דִיר: "זוּךְ דִיר אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה", דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה אוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט וָואס שְׁנֶעלֶער.

אֱמֶת עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "אַ פַּרְנָסָה טָאר מֶען נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן, נָאר דִי פַּרְנָסָה זָאל דִיר אַוֶועק וַוארְפְן"; דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס שְׁרֵייט אוּן פַארְשֶׁעמְט וְכוּ' אִיז מֶען מְחוּיָב צוּ אַרְבֶּעטְן בַּיי אִים אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ פְּלַאץ ווָאוּ דֶער בַּעַל הַבַּיִת פִּירְט זִיךְ אוֹיף שֵׁיין צוּ אִים. אוֹיבּ דֶער בַּעַל הַבַּיִת שְׁרֵייט אוּן פַארְשֶׁעמְט, אִיז זִיכֶער כְּדֵי צוּ טוּישְׁן צוּ אַ צְוֵוייטֶע אַרְבֶּעט וִוי פְּרִיעֶר.

אַז עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִיר: "דוּ הַאלְסְט נִישְׁט בַּיים אַרְבֶּעטְן, דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג מִיט בְּרֶסְלֶב, זוּךְ דִיר אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה", דָאס מַאכְט מִיר טְרַאכְטְן אַז אֶפְשָׁר טוּסְטוּ נִישְׁט דַיין אַרְבֶּעט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין; קֶען זַיין אַז עֶר זֶעט אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער וִוי דוּ בִּיסְט רוֹב צַייט פַארְנוּמֶען מִיט 'בְּרֶסְלֶב סֶענְטֶער' וְכַדוֹמֶה, (אַ בַּעַל הַבַּיִת קֶען זֶען בַּיי זִיךְ יֶעדֶער דִיר וָואס זַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס טוּעֶן אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער), קוּמְט אוֹיס אַז דוּ בִּיסְט אַ גַנָב וְגַזְלָן, וַוייל אַן אַרְבֶּעטֶער טָאר נִישְׁט מְבַטֵל זַיין קֵיין אֵיין רֶגַע פוּן טוּן דִי אַרְבֶּעט; אַן אַרְבֶּעטֶער טָאר אֲפִילוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אַ טֶעלֶעפָאן, כָּל שֶׁכֵּן עֶנְטְפֶערְן טֶעקְסְט, אִימֶעילְס וְכוּ' אִיז גְנֵיבָה וּגְזֵילָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
~~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~~

**מֶען דַארְף פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן און קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין שְׁאֵלָה? אַוַדַאי זָאלְסְטוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תח): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֶעְדַּר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר."

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אִיז מִיט דִיר און זִי אִיז מַסְכִּים אַז דוּ זָאלְסְט פָארְן, מֶער פוּן דֶעם דַארְפְסְטוּ נִישְׁט. אַז דַיין וַוייבּ אִיז מִיט דִיר און זִי שְׁטַארְקְט דִיר, זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט, אֲפִילּוּ דַיין ... רֶעדְט דִיר אָפּ און מַאכְט חוֹזֶק פוּן דֶעם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ריד): "כָּל מַה שֶׁהַצַּדִּיק מְצַוֶּה לַעֲשׂוֹת צָרִיךְ לְקַיֵּם", אַלֶעס וָואס אַ צַדִּיק זָאגְט דַארְף מֶען מְקַיֵּים זַיין,
~~~~~~~~~~~

"רַק כְּשֶׁמְּצַוֶּה שֶׁלֹּא לִסַּע עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, זֶה אֵין צָרִיךְ לְקַיֵּם", אָבֶער וֶוען דֶער צַדִּיק הֵייסְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָאס דַארְף מֶען נִישְׁט פָּאלְגְן; וַוייל אַלֶע דַארְפְן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ אִים.

וָואס גֵייט דִיר אָן אַז הוּנְט בִּילְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן דַיין שְׁטוּבּ; דֶער עִיקָר אִיז אַז בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז דָא מְנוּחָה, דוּ אִין דַיין וַוייבּ קוּמֶען זִיךְ אוֹיס. וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט - דָאס דַארְף דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין אוּן עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין. פָּאלְג מִיר, פַארְמַאךְ דַיין טִיר אוּנְטֶער דִיר אוּן הֶער נִישְׁט אוֹיס וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן.

נָאכְאַמָאל, הֶער נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ אִיז מִיט דִיר; בֵּיידֶע זֶענְט אִיר מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן אוּן בֵּיידֶע ווִילְט אִיר אַ לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט זַיין מִיט אוּנְז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט טַאקֶע זַיין מִיט אוּנְז.

גֶעבּ אַ קוּק אוֹיף דִי בִּילְדֶער וָואס אִיךְ שִׁיק דִיר מִיט דֶעם בְּרִיוו, וואוּ מֶען זֶעט אַז מֶען עֶנְדִיגְט יֶעצְט דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד:): פְלִימוֹ הָאט גֶעזָאגְט: "אֲנִי רָאִיתִי אוֹתוֹ הַבַּיִת וְהָיוּ קוֹרוֹתָיו יוֹצְאוֹת אַמָּה לְכַאן וְאַמָּה לְכַאן", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם הוֹיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט גֶעבּוֹיט מִיט תְּפִילָה. וֶוען אַ פְּרוֹי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים וֵויינֶען זִי הָאט גֶעבּוֹיט אַ הוֹיז אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן דֶעם דַאךְ וַוייל דִי הֶעלְצֶער זֶענֶען קוּרְץ גֶעשְׁנִיטְן, עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן אוֹיף דִי לֶענְג פוּנֶעם הוֹיז, הָאט רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס, "וְאָמְרוּ לִי 'בַּיִת זֶה שֶׁקֵּירָה רַבִּי חֲנִינָה בֶּן דוֹסָא בִּתְפִלָּתוֹ'", דִי הֶעלְצֶער הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אַזוֹי הָאט מֶען גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן דֶעם דַאךְ, אוּן מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "דֶער שְׁטוּבּ הָאט רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא גֶעבּוֹיט מִיט תְּפִילָה".

גֶענוֹי דָאס קֶען מֶען זָאגְן אוֹיפְ'ן בִּנְיָן אִין אוּמַאן; וֶוער עֶס זֶעט דֶעם בִּנְיָן קֶען זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בִּנְיָן וָואס מֶען הָאט גֶעבּוֹיעֶט מִיט תְּפִילָה"; עֶס לִיגְט שׁוֹין אִינֶעם בִּנְיָן סְחוֹרָה אִין וֶוערְד פוּן אַ מִילְיָאן אוּן אַ הַאלְבּ דָאלֶער, דָאס אִיז נָאר פוּן תְּפִילָה.

אַ גוּט שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

~~~~~~~~~~~

חַזֶר'ן הִלְכוֹת טָהֳרָה אָן אַ שִׁיעוּר.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן
~~~~~~~~~~~

**לְכָבוֹד הַחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מַזָל טוֹב טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל מִיט דַיין כַּלָה תִּחְיֶ', און זוֹכֶה זַיין צוּ דוֹרוֹת יְשָׁרִים וּמְבוֹרָכִים.

אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם סֵפֶר און אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט חַזֶר'ן דֶעם סֵפֶר דַיין גַאנְץ לֶעבְּן - אָן אַ שִׁיעוּר, וַוייל אוֹיבּ מֶען הַאלְט טָהֳרַת הַמִשְׁפָּחָה אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט מִיט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער און אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען הִיט נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת, מֶען אִיז מְזַלְזֵל חַס וְשָׁלוֹם אִין דֶעם, דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. מֶען רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ה' יְרַחֵם.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּעט פַאר דַיין הַצְלָחָה.

...

~~~~~~~~~~~

**דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת הָאט מֶען שְׁטֶענְדִיג יִשׁוּב הַדַעַת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

גֶעוואוּין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׂפְּרַאךְ; דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן יִשׁוּב הַדַעַת. דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט אַרוּם דְרֵייעֶן אַזוֹי צוּטוּמְלְט אִין לֶעבְּן און וִויסְן גֶענוֹי וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן בַּיי יֶעדֶע פְּרַט וּפְּרַט.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; וֶוער עֶס הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ אַ שְׁטַארְקֶע יִשׁוּב הַדַעַת אִין יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי יִצְחָק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעוֶועְן בַּיי זַיין טַאטֶע רֶבִּי נָתָן ז"ל בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט פוּן דִי רֶעגִירוּנְג (עֶר אִיז גֶעוֶועְן מְמוּנֶה אוֹיף דִי פָּאסְט אִין טוּלְטְשִׁין), און עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דָאס גֶעלְט, עֶר אִיז גֶעוֶועְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן דֶערְפוּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קֵיין בִּלְבּוּל אוֹיף אִים, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע טוּמְל בַּיי רֶבִּי נָתָן אִין שְׁטוּבּ, אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶועְן בְּצַעַר נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ און מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעטְרָאפְן. בִּיז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אִיז גֶעקוּמֶען
~~~~~~~~~~~

און גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן זוכְן מִיט בֶּהָלָה, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן עֶס צוּ טְרֶעפְן. עֶר אִיז אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן און גֶעזוּכְט בַּיי דִי מִיסְט בִּיז עֶר הָאט דָאס גֶעטְרָאפְן. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "נַחְמָן - מִיט זַיין יִשּׁוּב הַדַעַת קֶען אַלֶעס"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**מִנְהָגִים פוּן תִּשְׁעָה בְּאָב.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אוּנְזֶערֶע מִנְהָגִים פוּן תִּשְׁעָה בְּאָב.

מִיר פִירְן זִיךְ צוּ לֵיינֶען מְגִלַּת אֵיכָה בַּיינַאכְט און אוֹיךְ אִינְדֶערְפְרִי - כְּמִנְהַג הַגְּרָ"א.

בְּנוֹגֵעַ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; מוֹהַרְאַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ גֶעפִירְט נָאכְמִיטָאג נָאךְ מִנְחָה צוּ לֶערְנֶען דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, און מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען פוּן נָאךְ מִנְחָה אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען תִּשְׁעָה בְּאָב גֶעפַאלְט אוֹם שַׁבָּת אַזוֹי ווִי הַיי יָאר - קֶען מֶען לֶערְנֶען שַׁבָּת דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

וֶוען תִּשְׁעָה בְּאָב גֶעפַאלְט אוֹם שַׁבָּת - אַזוֹי ווִי הַיי יָאר, מַאכְט מֶען נִישְׁט הַבְדָלָה מוֹצָאֵי שַׁבָּת אוֹיף וַויין נָאר מֶען מַאכְט בְּלוֹיז דִי בְּרָכָה "בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ". דִי פְרוֹיעֶן און קִינְדֶער וָואס פַאסְטְן נִישְׁט תִּשְׁעָה בְּאָב עֶסְן אָן הַבְדָלָה און זֵיי הֶערְן הַבְדָלָה מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב פוּן דִי מֶענֶער (מִשְׁנַת יַעֲקֹב, אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנו).

אַלֶע דַארְפְן פַאסְטְן תִּשְׁעָה בְּאָב - אִינְגְלֶעךְ פוּן דִי דְרַייצְן יָאר און מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי צְוֶועלְף יָאר. אַ פְרוֹי וָואס וַוארְט וְכוּ' אָדֶער זֵייגְט וְכוּ' - זָאל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה צִי זִי דַארְף פַאסְטְן; מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן אִין דֶעם אַ כְּלַל.

וְוִיבַּאלְד תִּשְׁעָה בְּאָב אִיז אַ תַּעֲנִית דְרַבָּנָן און עֶס הֵייבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן פוּן פַארְנַאכְטְס, דַארְף מֶען נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף צְוֵויי און זִיבֶּעצִיג נָאר מֶען קֶען שׁוֹין דַאוֶונֶען מַעֲרִיב בַּיים זְמַן פוּן דִי גְאוֹנִים און נָאכְדֶעם מַאכְן הַבְדָלָה און אוֹיסְפַאסְטְן.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אַרוּם צוּ דְרֵייעֶן לֵיידִיג און נִישְׁט זִיצְן מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת און רֶעדְן דְבָרִים בְּטֵלִים; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן
~~~~~~~~~~~

נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ שְׂחוֹק וְקַלּוּת רֹאשׁ אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ וְכוּ', אִין דֶעם אִיז נִכְלָל קוּקְן נֵייעֶס אוּן זַיין מְחוּבָּר מִיט סָאשֶׁעל מִידִיעֶ, וְכַדוֹמֶה.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ גֵיין שְׁלָאפְן, כְּדֵי נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~